**Somewhere Far Away**
Rivke Galin (translated by Eli Jany)

Somewhere far away, beyond China,
there’s a country like this:
you don’t have to work or slave away,
children live like royalty.

No teachers, no classes –
you can frolic in the streets,
you don’t need to comb your hair or bathe.
You can snack on chocolate.

All the beds there
are made of sweet pastries;
just stick out your tongue
and you can lick a sponge cake.

If you want, you can lie there,
munching cake, mouth agape;
if you want – you can jump on the ceiling,
if you want – you can play in the band.

All the fish there sing,
children dance on the tables;
everybody lives like a king,
it’s merry and joyful there.

If I knew the way to China,
I would look for that country;
it could be a bit of a lie,
but oh well – what a delight.

**ערגעץ ווייט**
רבֿקה גאַלין

ערגעץ ווייט אַהינטער כינע
איז פאַראַן אַזאַ מדינה:
מ'דאַרףֿ ניט אַרבעטן, ניט שקלאַפן,
קינדער לעבן ווי די גראַפן.

ניט קיין לערער, ניט קיין קלאַסן –
קען מען הוליען אין די גאַסן,
מ'דאַרףֿ ניט קאַמען, זיך ניט וואַשן.
שאָקאָלאַדע קען מען נאַשן.

בעטן זיינען אַלע דאָרטן
אויסגעמאַכט פון זיסע טאָרטן:
דאַרפסט דעם צינגל נאָר אויסשטרעקן,
קענסטו צוקערלעקעך לעקן.

אַז דו ווילסט, קענסטו זיך ליגן,
נאַשן טאָרט און כאַפּן פליגן;
ווילסטו – שפּרינגסטו אויפן סטעליע,
ווילסטו – שפּילסטו אין קאַפּעליע,

ס'זינגען דאָרטן אַלע פישן,
קינדער טאַנצן אויףֿ די טישן;
יעדער לעבט זיך ווי א מלך,
ס'איז דאָרט לעבעדיק און פריילעך.

ווען איך ווייס דעם וועג קיין כינע
וואָלט איך זוכן די מדינה;
ס'קען זיך זיין אַ ביסל ליגן,
אָבער גוט – אַ פארגעניגן.

**Rivke Galin** (1890-1935), born in Lekhevitsh (now Liachavičy, Belarus), was a Yiddish educator and author of short stories and poetry. Her poems for children were beloved by students of Yiddish-language schools worldwide, including in Harbin, China, where she lived and worked for four years, and the United States, where she spent most of her adult life. Her work was published in numerous Yiddish children’s journals, anthologies, and schoolbooks, and was also set to music and performed at concerts and children’s camps.

Rivke Galin bukh komitet. Rivke Galin (biografisher iberblik). *Lider un dertseylungen*, by Rivke Galin, New York, 1937, pp. 5-8.

**The Horse and the Whip**

Eliezer Shteynbarg (translated by Eli Jany)

– Oh, it’s high time
Reb Faytl the coachman,
your lovely boss,
gets what’s coming to him,
and you right along with him!
(says the horse
to the whip)
What’s this about?
Have you ever heard of such a thing?
Tell me, what have I done to deserve this beating?
You think it’s easy for me to pull this wagon around?
And have you forgotten that, first things first,
I have to at least eat some barley?
And indeed why not oats?
But –
good luck talking to an ignorant whip handle!
If only it pained you as it does me,
you’d stop waving around like that,
flogging and flaying!
Again?... I’ll cry for help all through the streets!
– Hush! (a crack of the whip’s lashing tongue)
True, it says, pulling a wagon like this,
and on an empty stomach to boot,
does, to be fair, mean working yourself to the bone;
but I beat you –
listen up, I’m telling you this in secret! –
not because you don’t want to pull,
but because, you fool, you didn’t understand,
and you let yourself get harnessed!

**דאָס פערד און די בײַטש**

אליעזר שטיינבאַרג

– אוי, סע זאָל שוין קומען אַ מפּלה
אויף רב פײַטל בעל-עגלה,
דײַן באַלבאָס דעם שיינעם,
און אויף דיר מיט אים איניינעם!
(צו דער בײַטש
זאָגט דאָס פערד)
סטײַטש?
זיך אַזוינס געהערט?
זאָג, וואָס קומט דאָס מיך אומזיסט צו שלאָגן?
מיינסט, מיר גרינג צו שלעפּן אָט דעם וואָגן?
נו, און דאָס פאַרגעסן, אַז צום אַלעם ערשטן
מוז אין מויל איך נעמען כאָטש אַ גערשטן?
און פאַרוואָס ניט טאַקע האָבער?
אָבער –
גיי רעד צו אַ פּידזשעלע אַ גראָבער!
וואָלט דיך נאָר ווי מיך געשטאָכן,
וואָלסטו אויפגעהערט אַזוי צו פאָכן,
קאַטעווען און שינדן פּאַסן!
ווידער?... איך געוואַלד וועל שרײַען איבער אַלע גאַסן!
– שווײַג! (אַ קנאַק די בײַטש מיט שמײַסנדיקער צונג)
אמת, זאָגט זי, שלעפּן אַזאַ וואָגן,
און דערצו נאָך אויף אַ הונגעריקן מאָגן,
הייסט, נו יאָ, אַרויספּאָכן פון זיך די לונג;
נאָר דיך שלאָג איך –
הער, בסוד דיר זאָג איך! –
ניט דערפאַר, וואָס ווילסט ניט שלעפּן,
נאָר דיך קומט דערפאַר צו קעפּן,
וואָס, בהמה, ניט פאַרשטאַנען
און געלאָזט זיך שפּאַנען!

**Eliezer Shteynbarg** (1880-1932), born in Lipkany, Bessarabia (now Moldova), was a Yiddish educator, author, and prominent cultural figure among Romanian Jews. His widely celebrated fables, often featuring animals, were popularized via public readings by both Shteynbarg himself and others. Yitskhok Niborski writes that, “[w]hereas traditional fables reflect common sense, conformist or critical, Shteynbarg’s moral lessons usually range far from prepackaged truths. His messages are generally complex with multiple possible meanings, in tune with the contradictions and confusions of human nature and society. This is what makes them distinctly modern.”

Niborski, Yitskhok. "Shteynbarg, Eliezer." *YIVO Encyclopedia of Jews in Eastern Europe*, 18 October 2010. https://yivoencyclopedia.org/article.aspx/Shteynbarg_Eliezer